# קאַמפּעס „אַנטדעקונג פון אַמעריקע" אין יידיש

(ביבליאָלאָגישע נאָטיצן)

פון ז. ר ײ ז ע ן (ווילנע)

אין זײַן רעצענזיע אויף ד"ר מ. זילבערס בוך America in Hebrew Literature — „אמעריקא בספרת ישראל"[1] באַמערקט ד"ר יעקב שאַצקי, אַז „די יידישע ליטעראַטור ווענן אמעריקע ווערט אינגאַנצן ניט ציטירט. און אַ שאָד! זי איז רײַך, אַפּטמאָל אפילו גאָר אינטערעסאַנט (ספּעציעל אין 19טן י"ה). עס וואָלט דעריבער געווען כּדאַי צו באַאַרבעטן דעם דאָזיקן מאַטעריאַל".

איך בין ניט אויסן די דאָזיקע באמת זייער וויכטיקע טעמע אויסצוקלאַפּן;[2] איך וויל נאָר מאַכן אַן אָנהייב צו דער ביבליאָלאָגיע פון דער אַמעריקע-ליטעראַטור אין יידיש, וועלכע האָט זיך פּאַמעלעך אַנטוויקלט, ביז זי האָט דערגרייכט די הייך פון אַזאַ ווערק אַ שטייגער, ווי הלל ראָגאָפס פינפבענדיקע „געשיכטע פון די פאַראייניקטע שטאַטן".

גראָד איז די „אַמעריקאַנאַ" אין יידיש שיער ניט בײַ איר סאַמע אויפקום פאַרבונדן מיט אַ ווערק, וואָס דאַרף — לויט די אומשטאַנדן פון יענער תקופה — פאַררעכנט ווערן פאַר אַן עפּאָכאַלן אין דער געשיכטע פון דער נײַער יידישער ליטעראַטור, אַ ווערק, וואָס דאַרף אַרויסגעהויבן ווערן ווי אַ ווינקלשטיין פון אונטער די שיטער צעשפּרייטע שיכטן פון דער השׂכּלה-ליטעראַטור אין יידיש. דאָס איז דער שיער ניט לעגענדאַריש געוואָרענער „צפנת פענח" פון חייקל הלוי הורוויץ פון אומאַן, וואָס איז ערשט לעצטנס אויפסנײַ אַנטדעקט געוואָרן פאַר דער יידישער ליטעראַטור-פאָרשונג, באַלד אין אַ האַלב הונדערט יאָר אַרום נאָכדעם ווי א. ב. גאָטלאָבער האָט (אין זײַנע באַוווּסטע אָפט ציטירטע זכרונות אין שלום-עליכמס „יודישער פאָלקסביבליאָטעק" 1888) דער ערשטער אויפמערקזאַם געמאַכט אויף אים, הגם אונטער אַן אויסגעדאַכטן נאָמען („קאָלומבוס"), וואָס האָט פאַרפירט די יידישע ביבליאָגראַפן.

איך האָב שוין אין מײַן בוך „פון מענדעלסאָן ביז מענדעלע" גענויער זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם פּלאַנטער, וואָס איז אַרויסגעקומען אין דער יידישער ליטעראַטור-געשיכטע (למשל, בײַ מ. פּינעס) דורך צונויפמישן חייקל הורוויצעס

[1] „ייוואָ-בלעטער" 1932, ב' IV, ז' 442.

[2] איך וועל נאָר פאַרבײַגייענדיק זיך דערלויבן צו דערמאָנען, אַז אין מײַן אַרטיקל „די יידן ערב דער גרויסער עמיגראַציע קיין אַמעריקע" — אין „מאָרגען זשורנאַל", ניו-יאָרק, מאַי 1932 — האָב איך צווישן אַנדערן ציטירט אײַזיק-מאיר דיקן, וואָס האָט ווי אַן איבערצײַגטער אָנהענגער פון דער יידישער באַוועגונג קיין אַמעריקע אין עטלעכע פון זײַנע ביכלעך געפּרוּווט שילדערן יידיש לעבן און באַגעגענישן מיט יידן אין דער נײַער וועלט.